בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א
רח' שטראוס 26 / א
ת.ד. 5006 פאקס 6221317 טל. 6252808-

BETH DIN ZEDEK
OF THE ORTHODOX
COMMUNITY JEWISAH
JERUSALEM E. ISRAEL
26 STRAUSS ST.
P.O.B. 5006 FAX 6221317 TL.6246345 -


בס"ד

כ"ב סיון תשס"א

## צוריק קער'ן די קרוין צו איר פראכט ווי עס איז געווען

עס טוט אונז זייער פרייען אין הארצן אויף די בשורה טובה, וואס מיר האבן געהערט אז עס געפינען זיך יעצט נשים צדקניות, וואס זענען נתעורר געווארן צו טראגן די צניעות-דיגע פארצייטיגע הייליגע טראגע, ווי עס זענען געגאנגען אין אסאך פארשידענע מדינות מיט דעם מנהג ווי די אמהות אנצוטאן די שאל פון אויבן, און נישט ארויסגיין אין גאס אָן דעם לבוש, ווי עס ווערט דערמאנט אין רמב"ם הל' אישות פ' י"ג און פרק כ"ד און אין שו"ע אהע"ז סימן ע"ג סעיף א', און אין סימן קט"ו סעיף ד', כדי צו מערן קדושה מיט צניעות ביי אידן, און מיט דעם צו שטארקן דעם כח הקדושה איבער דעם כח הטומאה רח"ל וואס בוז'עוועט אין די גאסן שרעקליך, און דעם ווייטאג און געשריי ערגרייכט ביזן הימל ה' ירחם.

און מיר זענען פארזיכערט אז דורך דעם וועט ווערן אפגעטאן פון אונז און פון גאנ'ן כלל ישראל אלע שווערע און בייזע גזירות, בפרט אין היינטיגע צייטן וואס כלל ישראל געפינט זיך אין א סכנה ה' ישמרנו, און מיר דארפן דאס זייער וויכטיג ווייל דורך דעם וועט מושפע ווערן רפואות וישועות און אסאך גוטע השפעות פון אויבן, און ס'וועט זיך דערנעענטערן דורך דעם אונזער גאולה, און אויסלייזונג פון אונזערע נפשות. אזוי ווי חז"ל זאגן (סוטה י"א) בזכות נשים צדקניות זענען אויסגעלייזט געווארן אונזערע עלטערן פון מצרים" און אין זכות פון נשים צדקניות וועט מען אויסגעלייזט ווערן. ווי עס שטייט אין ילקוט רות (אות תרו) אז די דורות וועלן נישט ווערן אויסגעלייזט נאר בשכר די נשים צדקניות וואס זענען דא אין דור. און מיר קומען מיט די שורות צו שטארקן און באפעסטיגן די נשים צדקניות וואס אויף זיי איז געזאגט געווארן אז אין זייער זכות וועט מען אויסגעלייזט ווערן.

## עטרה ליושנה

ישמח לבינו ותגל נפשינו על הבשורה הטובה אשר שמענו שנשים צדקניות נתעוררו וקיבלו על עצמן לחזור למנהג הקדוש שמקדמת דנא בהרבה מדינות שלא לצאת לרחוב בלי "שאל" (רדיד) מעל הבגדים וכמובא ברמב"ם ז"ל בפ' י"ג ובפרק כ"ד מהל' אישות ובשו"ע אהע"ז סימן ע"ג סעיף א', ובסימן קט"ו סעיף ד', בכדי להרבות קדושה וצניעות בישראל ולהגביר צד הקדושה על צד הטומאה שכנגד, השורר בחוצות באופן נורא ומבהיל וזעקתה מגיע עד לשמים השם ירחם.

ובטוחנו שע"ז יתבטלו גזרות קשות ואכזריות מכלל ישראל בפרט בעת הזאת אשר כל הישוב בארץ הקודש נתון בסכנה ה"י אנו צריכים לזה מאד, ויושפע ע"ז רפואות וישועות והרבה השפעות טובות ממרום ויתקרב ע"ז גאולתינו ופדות נפשינו כמו שאמרו חז"ל (סוטה י"א) "בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים" ובזכותן עתידין להיגאל כראיתא בילקוט רות (אות תרו) "ואין הדורות נגאלין אלא בשכר נשים צדקניות שיש בדור" ובאנו בשורות אלו לחזק ולעודד נשים צדקניות אלו שעליהן נאמר ובזכותן עתידין להיגאל.

הכו"ח למען המצוה הגדולה המצפים לישועת ד' במהרה, הביד"צ דפעיה"ק ירושת"ו

נאם
נאם
נאם
נאם
נאם
נאם

בס"ד

כפי שהי' רצון קדשו של רבינו הקדוש הגאב"ד דפעיה"ק **הרמ"א פריינד** זצוקלה"ה שיחזרו עטרה ליושנה שהנשים תלבשנה שאל וכן ביקש מהרבנית תליט"א ללבוש שאל כדי להרבות צניעות וקדושה ובזה נעשה נחת רוח לנשמתו בגנ"מ, וודאי ימליץ טוב על כל העושות והמעשות להפקר בדבר ישועה ורחמים ולהשרות את השכינה הקדושה בתוכנו ולגאולה שלימה בב"א.